# מיר

## ליטעראַטור
## און
## קריטיק

### אינהאַלט:

ישראל וואַלינסקי: ווען אַ סוכר ספּרימניק ווערט אַ נביא.—
צבי כייקעס: מיר גייען (ליד).—אברהם יעל: בלויער מונדיר
(דערציילונג) מאַטל וועקסלער: קעניגרייך (ליד).—מ. קוטער:
ווי אַזוי יידן מאַטערן זיך.—י. קעניגשטיין: מערץ ווינטן (ליד)
אברהם בליי: ברודערשאַפט (פּילד).—צבי כייקעס: ציגנדט מיין
ברודער די לאַמטערנס (ליד).—ד״ר ב. שפּילמאַן: ווי מען
בילדעט דאָ רעוואָקסענע. — מיר רעאַגירן, וועמען שיט מען
זאַלץ אין די אויגן: אלעף בייס.—וועמען וואָל מען גלויבן:
סעם קוף.—היתבן פּריינט נחמן מייזל?: אלעף בייס.—וועגן
אוניווערסיטעט, פּעטש און וועגן נאָך עפּעס: סעם קוף.—די
„תורה" פון די משולחים: אלעף בייס.—אויב שטאַמלען איז
אויך אויף העברעאיש: סעם קוף.—לייענענדיק. (וועגן ביכער
און זשורנאַלן) ה. לייבטער מינוס עמיל לודוויג: א. ב.—
נתנאל בעליצקי „אין וועג": פּ. ק. — נאָטיצן.

תל־אביב מערץ 1932

פאַרלאַג
„אין צווים"
תל־אביב

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY
MAR 1972

פארלאג „אין צוים" תל־אביב.
פאסט־קעסטל......

ביז אהער דערשינען:

1) „מאי"—ליטעראטור, קונסט און קריטיק, פרייז אין לאנד 15 מיל, אין אויסלאנד—15 סענט.

2) „יוני"—ליטעראטור, קונסט און קריטיק, פרייז אין לאנד 15 מיל, אין אויסלאנד—15 סענט.

3) „אקטאבער"—ליטעראטור און קריטיק, פרייז אין לאנד 10 מיל אין אויסלאנד—15 סענט.

4) „מיר"—ליטעראטור און קריטיק, פרייז אין לאנד 15 מיל, אין אויסלאנד—15 סענט.

5) **יעקב שטאל—אחתונה אין כאטרע.**
פאעמע פון אראבישן לעבן, לוקס־אויסגאבע פרייז אין לאנד 30 מיל, אין אויסלאנד—30 סענט.

6) **ליובע וואסערמאן־פארנאכטן.** לידער, לוקס־אויסגאבע. פרייז אין לאנד 20 מיל, אין אויסלאנד—20 סענט.

---

אינגיכן דערשיינט א נייע זאמלונג פאר ליטעראטור, קונסט און קריטיק.

מאכט אייערע אלע באשטעלונגען דורכן פארלאג „אין צוים" לויטן אדרעס:

FARLAG „IN ZOIM"
Tel-Aviv, P. O. B.........
Palestine.

# מיר

## ליטעראטור און קריטיק

פארלאג «אין צוים» — תל אביב
רעדאקטירט — אברהם בליי

תל־אביב — מערץ — 1932

# ווען א מוכר ספרימניק ווערט א נביא

(צו ביאליקס נסיעה אין אויסלאנד)

ישראל וואלינסקי

ס'האט זיך געקערט וועלטן. דער „נאציאנאלער פאעט" איז ארומגעפארן פון לאנד צו לאנד צו באקענען זיך מיט די מאטעריעלע און גייסטיקע נויטן פון זיין פאלק, זיי ברייננגען א ווארט פון נחמה, זיי מונטערן און שטארקן. די ציוניסטישע פרעסע האט מיט א פארכאפטן אטעם אים נאכגעקוקט ווי ער גייט, ווי ער שטייט און ווי ער רעדט. יעדעס ווארט זיינס איז צעלייגט געווארן אויף טעלערלעך און דא אין לאנד האט מען געשעפט נחת: ער וועט זיי שוין ווייזן, אונדזער ביאליק, אט די אלע יידישיסטן, די עוכרי ישראל און „אסימילאטארן". ער וועט שוין בהבל פיו אליין אויפלעבן די פארשלאפענע „תרבות", די אפגעשטארבענע העברעאישע פרעסע און ליטעראטור, די הרוב־געווארענע העברעאישע שולן. יא, מיר האבן אוועקגעשיקט צו זיי, אין גלות אריין, דעם שווערסטן קאנאן אונדזערן זאל ער שטורמעווען די גלות־פעסטונג.

מיר האבן שוין דערלעבט אים זען צוריק דעם „נאציאנאלן פאעט", און מיט אומגעדולד האבן מיר געווארט אויף דעם גרוס פון דארטן, פון די מיליאניקע יידישע מאסן. אט וועט דער „נאציאנאלער פאעט" פאנאנדערוויקלען פאר אונדז די טרויעריקע מגילה פון מיליאניקע יידישע רואינירטע און פערספעקטיוולאזע, דעם שווערן געראנגל זייערן פאר זייער טאג־טעגלעכן ברויט, דעם קולטורעלן שאפן אט פון די מאסן ניט קוקנדיק אויף ארעמקייט און נויט. יא, מיר האבן געווארט.

וואס זשע האבן מיר געהערט?

אונדזער „נאציאנאלער פאעט" האט באזוכטווארשע, ווילנע, לאדז און אלע גרעסערע שטעט פון פוילן. אין די דאזיקע שטעט שמאכטן איצט הונדערטער טויזנטער יידישע באלמעלאכעס, ארבעטער און קליינהענדלער אונטער דער אייזערנער פויסט פון א פאשיסטישער רעגירונג, און איין גרויסער קרעכץ הערט זיך איצט אין אלע יידישע ישובים פון פוילן. א פארדעמפטער געראנגל אויף לעבן און טויט קומט דארט פאר אויף דער יידישער גאס.

וואס זשע האט צו דערציילן פון זיי אונדזער „נאציאנאלער פאעט“? גארניט, טאקע פשוט גארניט. דער „משורר זעם האומה“ האט פשוט ניט באמערקט די ליידן און פיין פון די ארעמע, שמוציקע מיט ארעמקייט און עלנט אנגעפולטע גאסן פון ווארשע—ווילנע—לאדז. דאקעגן ווייסט ער יא צו דערציילן וועגן דעם גרעסטן פאבריקאנט אין לאדז, אשר כהן, אז זיינע געשעפטן גייען נעבעך שלעכט, פון די יידן וואס האבן נעבעך אפגעשפארט 20 טויזנט פונט און געפינען זיך איצט אין א שווערן מצב, ווייל זיי האבן ניט קיין זיכערע ביזנעס פאר די געלט, פון די יידן וואס האבן 10 הייזער אין בערלין און זיי קענען איצט ניט מאביליזירן דעם ווערט פון די הייזער. דער „נאציאנאלער פאעט“ האט אפגעקלאגט א גאנצן אוונט וועגן דעם ביטערן גורל פון דעם מין יידן, וואס זייערע גרויסע געשעפטן זיינען איצט ניט איי—איי—איי...

און טאמער וועט זיך געפינען א פשוטער ייד וואס וועט פרעגן, ווי קומט עפעס דער נאציאנאלער דיכטער און אפילו נביא צו די רייכע פאבריקאנטן, יידן גבירים־אדירים א. א. וו. צו האט ער בלויז פארבלאנדזשעט?

ניין, דער „נאציאנאלער פאעט“ האט ניט פארבלאנדזשעט. פארקערט: ביי אשר כהן, ביי די יידן גבירים־אדירים איז זיין ריכטיקער פלאץ. ווארום צוליב וואס איז געפארן דער נאציאנאלער פאעט אין גלות אריין? טאקע כדי צו טרייסטן זיינע ברידער? אשר כהן, די ווארשעווער און לאדזער גבירים וועלן שוין געפינען א טרייסט אין דעם הילף פונעם נאציא־



נאלן פאעט. דער נאציאנאלער פאעט איז געפארן מאכן ביזנעס: פארקויפן עטלעכע גענג ספרים פון „דביר“—און ביזנעס איז גוט צו מאכן בלויז מיט גבירים, ובפרט ביזנעס מיט העברעאישע ביכער.

גיט נאר א וויילע א טראכט, וועט איר זיך גלייך איבערצייגן, ווי נאטירלעך דאס אלץ איז. ווער אינטערעסירט זיך איצט אין פוילן מיט העברעאישע ביכער, און דערצו נאך ביכער פון „דביר“ וועגן תלמוד, משנה, אמוראים, גאונים א. ד. ג. צו טאקע די יידן פון א גאנץ יאר, דער ייד וואס הארעוועט פון אין דער פרי ביז שפעט אין אוונט ביים ווארשטאט צוליב אן ארעם שטיקל ברויט, דער יידישער ארבעטער וואס גייט אוים פאר הונגער, צו אפילו דער יידישער קליינהענדלער. וואס גייען אן די אלע שיכטן די העברעאישע ביכער, וואס דער „דביר“ גיט דא ארוים? אט די שיכטן לעכצן נאך בילדונג, זיי ווילן וויסן און פארשטיין וואס עס טוט זיך ארום זיי—קענען אבער נאר זייער מוטערשפראך, זיי קענען נאר יידיש. און אויך א לייען מאטעריאל דארפן זיי האבן, וואס זאל זיין נאענט צו זייער טאג־טעגלעכן לעבן, צו זייערע נויטן. זיי דארפן ארבעטער־קולטור און אין יידיש. די מלוכה העלפט זיי ניט. זי שטערט נאך זיי און זיי בויען טאקע מיט מסירות נפש זייער ארבעטער־פרעסע, זייער ארבעטער־ליטעראטור. זיי קעמפן ביטער פאר רעכט אויף א יידישער שול, זיי קעמפן שווער פאר מעגלעכקייטן פאר זייער קולטורעלן שאפן.

וואס האט דער „נאציאנאלער פאעט“ געמיינזאמעס אט מיט די אלע



האראפאשנע מאסן? זיי זענען גאר ביי אים אין די אויגן עוכרי ישראל, וועלכע האבן זיך אויסגעשמדט. די תורה האבן זיי פארלאזט, לשון קדש קענען זיי ניט און ווילן ניט קענען. פאר זיי האט דער „נאציאנאלער פאעט“ זייער שארפע שטראף־רייד. דעם יידישן לערער אין רעוועל, וועלכער האט געוואגט זאגן „אים“ איין. אז ער טאר פאר די קינדער ניט ארויס־ווייזן זיין לשון־קדשדיקן שאוויניזם און באליידיקן יידיש — האט ער אפגעזידלט ווי א מארק־יידענע. וואס פאר א ווערט האט אן ארעמער יידישער לערער ערגעץ וואו אין די אויגן פון א „נאציאנאלן פאעט“, וועלכער האט צו טאן מיט שררות מיט גבירים אדירים און פאבריקאנטן? תורה, לשון קדש און ציוניזם, און דער עיקר חותמים אויף „דביר“ האט געזוכט דער „נאציאנאלער פאעט“—און דאס האט ער געמוזט זוכן בלויז ביי די גבירים.

ס'ווייזט זיך ארוים, אז אונדזער „נאציאנאלער פאעט“ האט זיך ניט געפילט שלעכט אט מיט די אלע גבירים און פני. ער איז אליין א „ביזנעסמאן“ און נאענט צום הארצן זענען אים די ביזנעס־לייט. ער איז אדורכגעדרונגען מיט זייער פסיכא־לאגיע. ער פארשטייט גאנץ גוט, אז ציוניזם איז טאקע א גאנץ גוטע זאך, אבער יעדער ייד דארף וויסן גענוי, צו קען ער מאכן ביזנעס אינעם הייליקן לאנד צו ניין?

זוכט דעריבער ניט אין ביאליקס רעדע דעם אפקלאנג פון די פאראריעמטע יידישע ארבעטער און פאלקסמאסן. ער איז לכתחילה ניט געפארן צו זיי, ער האט מיט זיי קיין שום שייכות ניט, ער



האט אין די גרויסע יידישע צענטערן זיי אפילו ניט באמערקט. ער האט אפילו פאר יוצא וועגן ניט דערמאנט וועגן זיי.

זוכט דעריבער ניט אין ביאליקס רעדע־אויך דעם אפקלאנג פון קולטורעלן ראנגלען זיך פון די יידישע מאסן, ביאליק זארגט ניט וועגן דער עלעמענטארער בילדונג פון די ארעמע קינדער אויף זייער מוטערשפראך. ער זארגט בכלל ניט וועגן זייער בילדונג. זיין עיקר אויפמערקזאמקייט איז געווידמעט צו גימנאזיעס, דארט וואו עס לערנען זיך די קינדער פון די חשובע באלעבאטים, וועלכע ווילן באווארענען זייער נשמה יתירה געבנדיק די קינדער א העברעאישע דערציאונג.

איר ווילט האבן טענות צום נאציאנאלן פאעט? פרובירט עס אפילו ניט. ער וועט אפילו ניט פארשטיין וואס איר ווילט פון אים, ס'איז דאך פאר אים אזוי נאטירלעך, אז די נאציאנאלע שפראך איז עברית און יידיש איז ניט מער ווי א זשארגאן (אגב האט ער אוועקגעלייגט אויף טויט גאנצע 16 שפראכן מיט אמאל), אז יידישע שולן זענען בלויז די לשון קדשדיקע, און אז יידן זיינען בלויז די וואס קויפן שקלים. צו דערציילט ער אייך ניט מיט תמימות וועגן דער גאנצער יידישער יוגנט, די גאנצע יידישע יוגנט אן אונטערשיד פון פארטיי וואס איז באגייסטערט פאר ארץ ישראל עברית (ווייל לויט זיינע רייד פלעגן אים באגעגענען אלע פארטייען) (?). איר וועט אפשר פרובן אים דערווייזן, אז אין פוילן איז נאך אחוץ „החלוץ“ „השומר הצעיר“ צ.ס. „פועלי ציון“ און העברעאיש—טאנצנדיקע יוגנט אויך פאראנען א יוגנט וואס ציילט

הונדערטער טויזנטער, וואס לעבט זיך אוים אין יידיש און פירט א מארטירער קאמף פאר אנדערע אידעאלן? פרובט עס ניט, ווייל דער „נאציאנאלער פאעט" האט ניט געזען און ניט געהערט פון זיי.

יא, דער „נאציאנאלער פאעט" האט אונדז געבראכט א גרוס פון די גבירים אדירים און פני, פון די לשון קדשדיקע גימנאזיעס, פון דער בירגערלעכער יוגנט, וואס אין דער צייט, ווען די ארעמע מאסן קעמפן פאר ברויט און פאר זייער מינימאלער עקזיסטענץ—נעמען זיי זיך צענויף און מען דערקוויקט די נשמה מיט א קאפעטשקע לשון קדש. עס איז דאך אזוי נאטירלעך!

און דעריבער דערוועקט ניט זיין מגילת איכה קיין מיטגעפיל. ניט בלויז אין קלאגן זיך אויף די שלעכטע געשעפטן פון די לאדזער פאבריקאנטן און די ווארשאווער גבירים, נאר אויך זיין קלאגן זיך אויף דער ליידיקייט און פוסטקייט פון די העברעאישע גימנאזיסטן, וועלכע לערנען און לערנען און קענען זיך ניט אויסלערנען ניט קיין העברעאיש און ניט קיין אלגעמיינע וויסנשאפטן, וועלכע טראגן ניט ארוים פון שול קיין שום ליבע צו העברעאיש און צו איר ליטעראטור.

די העברעאישע גימנאזיעס מיט זייערע גרינדער שטייען אן א זייט פון ברייטן שליאך וואו עס שפרייזן די יידישע מאסן. זיי זענען אפגעריסן פון פאלקס־קוואל, זיי ווייסן ניט פון שווערן געראנגל וואס די יידישע ארבעטער און פאלקסמאסן פירן פאר זייער סאציאלער און קולטורעלער דערוואכונג. דעריבער ווערן זיי פארוועלקט, דעריבער זענען זיי אזוי פוסט. ניין, אונדז ־רירן ניט אט די אלע קלאגערייען.

דאס וואס דער „נאציאנאלער פאעט" האט זיך אויסגערעדט דאס הארץ פאר די תל־אביבער באלעבאטים און זיינע העברעאישע פועלים—וואס קען עס אונדז אנגיין?

און אז דער „נאציאנאלער פאעט" אינאיינעם מיטן היגן בירגערמייסטער און מיטן יידן מיט הערצלס באָרד רופן אן אסיפה, בלאזן אין די שופרות און רופן אוים א חרם אויף א לאנד וואו עס ווערט געשאפן אן אייגנארטיקע ארבעטער קולטור—זאל ער!

וועמען גייט אן דאס שופר בלאזן פון אט די אדונים און נביאים?

---

צבי בייקעס.

## מיר גייען.

כ'שטום—און איך פיל
דעם דראנג פון די טריט
וואס קלינגען פארנאכט
אויף די וועגן.—
פון פעלדער דערטראגט זיך
א ברום, א שטיל ליד,
א ליד פון די, וואס זעגן.
יאגט זיך דאס ליד
נאך די ווינטן וואס הוליען,
נאך כמארעס אין פרילינג
און ווינטער נאך שנייען.
כאפט אונטער דער ווינט
א זיפץ פון מיין ברוסט
און פליט איבער פעלדער
אים זייען...
פארברידערט זיך זיפץ
מיטן ליד וואס עס פליט
און צעטראגט זיך און קלינגט
אויף שאסייען.—
זיכערט דעם גאנג,
דריקט מיט די טריט,
אט באלד—אט נישט לאנג
און מיר גייען!...



אברהם יעל

# בלויער מונדיר.

ווען ארבעטער, געשטופט פון הונגער און נויט פרובירן זיך צו פארזאמלען אין די גאסן, כדי פון זייערע ליידן און פיין צו דערציילן, כדי מיט פארביטערטע לידער אדער אפילו שטומערהייט מארשירן, דער זאטער אויסגעפאשעטער ליידיקגייער־וועלט צו דערמאנען — ווייסט דאן דער סערדזשאנט חיים ראובני פון ירושלימער פאליציי גארניזאן, אז שטארק נושא חן זיין וועט ער ביי זיין אפיצער, ווען ער וועט אט די אלע ליידאקעס פאנאנדערטרייבן נאך איידער זיי וועלן זיך רעכט צונויפזאמלען.

אייגנטלעך ווארט ער אויף אזוינע געלעגנהייטן. נישט אומזיסט האט ער געקראגן דריי בענדלעך אין משך פון צוויי מיט א האלבן יאר צייט.

חיים ראובני דער סערדזשאנט, וואס האט מיט זיין גרויסן אויטאריטעט און מיט די פאליצייאישע קאלבאקעס אפגעקילט די אויפגעברויזטע געמיטער (און די צו שטארק הייסע—מיט אייזערנע רינגען די הענט באפוצט, און אין תפיסה געשיקט זיך אפקילן) קאן נאך משה'ן פון אמאל; נאך פון דאן, ווען ער האט נאך חיים דער שלעגער אין „קבוץ" געהייסן, נאך פון יענע צייטן ווען חיים, משה מיט די איבעריקע חברה פון ערשטגעגרינדעטן קבוץ, אינאיינעם מיט נאך מענשטן אין בלויע מונדירן, וועלכע מ'האט פון דער ווייטער גרויסער שטאט צוגעשיקט האבן די פארהארטעטע גרינגשעצנדיקע אראבער פון בארן אראפגעטריבן און אליין א באראק מיט ביידלעך גענומען אויפשטעלן. א דאנק דעם זכות פון אט דער אלטער באקאנטשאפט, וואס איז משה'ן איצט בייגעשטאנען, זענען זיינע הענט פון אייזערנע באפוצונגען באפרייט געווארן.

גייען זיי מיטן וועג צום קישלע (פאליציי־צענטראל אין ירושלים). עס טריפט פאמעלעך און פויל דער רעגן, קלאפט מאנאטאן אין די ערטערווייז סיט בלעך־באדעקטע דעכער, ווי אקאמפאנירנדיק די פארצווייפלטע טריט פון די הונגעריקע ארבעטער באגלייט פון פאליציי. פאמעלעך, טראט נאך טראט. די קעפ און האלדז ארייגערוקט אין אויפגעשטעלטע קעלנערס, אפאטיש, גייען זיי פאראוים. שווער צו זאגן אויף דעם בינטל מענטשן, אז נאך מיט צוואנציק מינוט פריער איז דאס אן אויפגעריסענער ווולקאן געווען!...

גייען פארביי מענטשן. שטעלן זיך אפ. פרעגן איינע ביי די אנדערע:

—ווער זענען עס אט די גנבים, וואס מ'פירט?

פליט פארביי אן אויטא מיט רעש און געפילדער. באשפריצט ער מיט בלאטע און קויט, ווי נישט פילנדיק זיי, א טראט נאך א טראט — א טראט נאך א טראט, ווי א פאראיינזאמטע לויה.

חיים דער שלעגער, איצט דער פאליציי סערדזשאנט, מיט משה'ן גייען

א שטיק אונטער אלעמען. משה פילט זיך שטארק מיד. אין די אויגן איז טונקל, ווי א לאמטערן, וואס האלט זיך ביים אויסלעשן. אין מאגן נאגט שטארק, אזוי שטארק, ווי א פיאווקע וואלט דארט זיצן. אין קאפ איז פוסט. די פיס קליעטשקען אין וואסער, וואס קוואטשעט אין די שיך־לעכער אריין און ארויס. פון צייט צו צייט ווארפט ער א קוק אויף חיים דעם סערדזשאנט, וואס גייט לעבן אים און רעדט אן אויפהער!

— זע, טפש וואס דו ביסט, קוק! אלע זענען מענטשן געווארן, אלע האבן זיך איינגעארדנט און דו וואס? א האלידרילע, א חרפה א קוק צו טאן אויף דיר... זעסט, אין גיכן ווער איך אפיצער, שמעוני איז א באאמטער אין קרן־היסוד, וועלוול — אין קרן־קימת, מנשה — א פאראנטווארטלעכער טוער אין ארגאניזאציע, קריגט יעדן חדש שווערע פונטן, בערקע פארמאגט שוין אן אייגענע באארע, יצחק האט א גרויסע קלייט און דו וואס? א? — א טפש...

— הערסט משה, איך זאג דיר מאך א סוף! גענוג שוין זיך קינדעריש געמאכט, ווארף אוועק אט די אלע נארישקייטן, פאליטיק — שמאליטיק, אויף כפרות דארפסטו דאס, קום! ווער א מענטש צו מענטשן גלייך. איך גיב דיר א געלעגנהייט, משה, טרעטסטו אריין אין פאליציי — ווערסטו א מענש, ברענגסט א געהאלט, — אויסגעצאלט פינקטלעך יעדן ערשטן (ביי דער רעגירונג איז ניטא קיין „מאנקי־ביזנעס״!...) האסט חתונה — א הוספה, קריגסט א בענדל — א הוספה, און בענדלעך, יא חביבי, וואלגערן זיך



ווי מיסט אין די גאסן, דארפסט נאר קענען אויפהויבן, דארפסט נאר זיין א מענטש... דו וועסט ארבעטן אונטער מיין אויפזיכט, איך גיב דיר מיין פראטעקציע, פארט אן אלטער חבר!... און דאס לאנד? בנין הארץ... אוי דארף מען אונדז! געדענקסט אויגוסט? געדענקסט? א?... יא חביבי, געלט כבוד, סטאזש!... א? וואס זאגסטו משה? א?...

טראגט פארביי אן אראבער א זעקל מיט מאראנצן אויף די פלייצעס, זינגט ער אויף זיין געדרייטער מזרח־שטימע:

— מאראנסע, יא מאראנסע!...

אך ווי געשמאק עס קלינגט דעם אראבערס שטימע, און די מאראנצן — פול מיט זאפט, די סלינע גייט אים אזש איבערן מויל...

אין קישלע שטייט משה פאררוקט אין א ווינקל. חיים דער סערדזשאנט גיט אפ א ראפארט, פון צייט צו צייט אנווייזנדיק דא אויף דעם, דא אויף יענעם פון די ארעסטירטע ארבעטער. קעגן באשטערנטע מענשן אין ריינע געפרעסטע מונדירן שטייט חיים דער סערדזשאנט אויסגעצויגן ווי א סטרונע און רעדט אזוי דין און העפלעך מיט א הכנעהדיקן שמייכל, ווי פון דער הויט ארויסקריכנדיק. צו אנדערע מונדירן אן די שטערנס, צו די פשוטע פאליציאנטן רעדט ער שטייף, באפעלעריש מיט א געשריי:

— אט דעם אפפירן צום אויס־־פארשער־ריכטער, פארשטאנען?...

ווי גוט ער אריענטירט זיך עס, חיים דער סערדזשאנט. משה׳ן בלענדעט אין די אויגן פון די בלישטשענדיקע קנעפ און שטערן אויף די עפאלעטן, פראנן...



געשרייען... פענעס סקריפען... ער באנעמט דאס אלץ אזוי שווער! קומט אריין א בלויער מונדיר, נאך אים אן ארבעטער כמעט אין זעלבן הויך וואס משה, נאר מיט אייזערנע רינגען ארום די הענט. הינטער זיי — א צווייטער בלויער מונדיר מיט א פעקל געדרוקטע בויגנס אונטערן ארעם. צווישן אלע קולות און זידלערייען כאפט משה אויף איינצלנע פאר אים פארשטענדליכע ווערטער:

— פראקלאמאציעס . . . בונטאווז־שציקעס . . . מאפסן . . . די פעלאכן קעגן דער רעגירונג און ציוניסטן אויפרעגן . . . אין אזא קאלטן וועטער זיך נישט געפוילט א נייע ארדנונג... איצט פון דרוק...

— ווער? ער אליין? וואו זענען די איבעריקע, די מיטהעלפער?...

משה באקוקט דעם באשולדיקטן ארבעטער, וואס שטייט צווישן די צוויי בלויע מונדירן און קוקט דעם אפיצער אין די אויגן פארביסן, שטייף די ציין פארשטשימעט און שווייגט. דער אפיצער שילט, בייזערט זיך, קלאפט מיטן קאלבאק אין טיש:

— די חברים ווער זענען? ווער נאך? דער דרוק אוואו איז?

יענער שטייט שטאלץ, די ליפן צונויפגעפרעסט און שווייגט, א שמייכל גליטשט זיך אים אראפ פון די ליפן צום אויפגעשטעלטן קאלנער פון רעקל אראפ ווי געזאגט: „זוך פיאווקע, זוך! אפשר וועט דיר דיין גאט העלפן? אפשר וועסטו געפינען, קריגסט דאך געלט דערפאר...״

חיים דער סערדזשאנט גייט צו צו משהן.



— „זעסט משה, ווי מ׳באדארף אונדז! באגראבן ווילן זיי אונדז אט די לינקע האלעדראנצעס. יידישע מיט אראבישע ארבעטער פאר שותפים מאכן!״...

ער רייבט א האנט אן א האנט, גייט ארום הין און צוריק און שטעלט זיך ווידער אפ לעבן משה׳ן.

— „יא, פאראן ארבעט, פאראן! און אפשר ניט קיין נוצלעכע? הא! הא!״

משה שווייגט, שטייט פארקלעמט, רעדט קיין ווארט ניט ארויס, און נעמט אן גלייכגילטיק די מעלדונג, אז ער איז פריי, ער קאן גיין אהיים און זאל זיך היטן א צווייט מאל אהער ניט אריינפאלן. דעמאלט וועט שוין זיין שלעכט!...

— — — — — — —

ווען משה איז צוריק געקומען צו זיך אין צימער, איז שוין געווען שטארק פינסטער. ער האט זיך גענומען פארקען ארום לעמפל, נאר אין מיטן איבערגעלאזט און זיך געווארפן אויפן בעטל אמידער, צעבראכענער, אפילו די שיך נישט ארונטערגעצויגן. אך ווען ער קאן איצט איינשלאפן! כאטש א ביסל אן ליידיקן מאגן פארגעסן... אבער דער מאגן האט זיך נישט געלאזט פון משה׳ן אזוי גרינגשעצן און האט בתקיפות געמאנט זיינס. ליגט ער אויפן בעטל, דער רעגן קלאפט אין פענסטער, דער ווינט רייסט דעם דאך מיט א געוויין ווי פון הונגעריקע וועלף. משה פילט, אז פון הונגער און מידקייט שטארבט ביי אים אפ יעדער אבר.

.... זעט ער: פאר אים שטייט חיים דער סערדזשאנט, א זאטער מיט אן אויסגעפאשעטן פנים און שטארקע, נייע

שיך אויף די פיס, אין איין האנט צוויי רויטע פינפערלעך, אין דער צווייטער— א בלויען מונדיר און רופט:

—קום משה, קום! זיי ניט קיין בטלן! נאר אט פארשווינדט ער מיט אמאל דער סערדזשאנט. זעט משה, ווי ער געפינט זיך אין גאס. ער בלייבט שטיין פאר א קלייט פול מיט אלדאס גוטס, און ווינקל אויף א פאליצע ליגן פריש־געבאקענע ברויטן. ניין... דער קלייטניק וועט מער ניט געבען...

—„איך קאן נישט, ווי איך בין א ייד, אז איך קאן נישט—טענהט דער קלייטניק — דו ביזט שוין אזוי אויך גענוג שולדיק. און וויפיל איז דער שיעור? איך בין אליין א ייד א מטופל מיט אכט קינדער, אן עין הרע, און אלע ווילן עסן"...

דער מאגן נאגט... קאן שוין משה מער נישט אויסהאלטן. כאפט ער א ברויטל פון א פאליצע און לויפט.

—נישקשה, כ'וועל אייך אפצאלן, כ'בין אבער הונגעריק ר' יענקל...

הערט ער גלייך א געוואלד:

—יידן, ראטעוועט, א גנב! ער האט מיר בדלות געשטעלט, אנגעפרעסן זיך מיט מיין בלוט גענוג, גנבעט ער נאך ברויט!... יידן כאפט אים!...

עס ווערט א געלויף. מ'האלט אים שוין ביים קאלנער. מיט ציטערדיקע הענט באמיט ער זיך דאס לעבל ברויט צו באשיצן, כאטש נאך איין ביס ארייג־צוכאפן. עס הערט זיך א פייף. ער פילט א זעץ אין זייט, עס פארקלעמט אים דאס הארץ. ער דרייט אוים דעם קאפ,—פאר אים שטייט א בלויער מונדיר מיט גלאנצנדיקע קנעפ און א פלעקל א שווארצם



אין האנט. אט לאזט זיך דאס פלעקל אראפ אויף משהן דא אהער און דא אהין.

—איך וועל דיר ווייזן! גנבענען גאר? אין מיטן העלן טאג א ברויט גנבענען?...

נאך א זעץ און נאך א זעץ.

—איך וועל דיר ווייזן, וואס הייסט גנבענען!...

אבער וועמענס שטימע הערט משה? אבער ווער רעדט דאס? זיין איינן קול? משה קוקט אן דעם בלויען מונדיר. וואס איז דאס? דאס איז דאך ער אליין? משה אליין, געזונט, שטארק און פריש ווי מיט אכט יאר צוריק...

ער קוקט און קאן נישט פארשטיין, וואו האט ער, משה, געקראגן א נייעם בלויען מונדיר מיט אט דעם שווארצן פארשאלטענם פלעקל?

מ'לאזט אים אבער לאנג נישט טראכטן. ער כאפט א פרישן זעץ אין פלייצע.

—נו, יאללא, אין נוקטע (פאליציי צירקל) אריין. גיכער הויב פיס!

דער בלויער מונדיר וויל אים עפעס אויף די הענט אנטאן. אבער צום טייוול, דאס איז דאך פארט ער אליין... ער, משה אין בלויען שמידט איצט די הענט אים, משה'ן, דעם צעבראכענעם, דעם צעקאליעטשעטן!...

ער קאן דאס אלץ נישט באנעמען, ער קאן דאס נישט פארשטיין. פונדער־ווייטנס אין רינע, אין א קאלוזשע שמוץ— ליגט דאס ברויטל. עס זעט אוים אזוי נעבעכדיק מיט דעם אפגעביסענעם שפיץ אין דער קאלוזשע וואסער. משה לאזט זיך צו דער רינע, צום ברויטל. דער



בלויער מונדיר כאפט אים אן:

—וואס, אנטלויפן גאר? — אין נוקטע, יאללא!...

משה קוקט אים אן נאך אמאל און רייבט זיך די אויגן. און ווי מיט אמאל באגרייפנדיק, וואס דא קומט פאר הויבן זיך אן קולות פון אים ארויסרייסן.

— משה וועמען ארעסטירסטו, וועמען? וועמען שלאגסטו? א? מיר?... משהן?... מיר אליין?... א?... משה, משה!...

מאטל וועקסלער.

# ק ע נ י ג ר י י ך

שפאן איך אום נאס איין, גאס אוים,
בלייב איך שטיין פאר יעדן הויז:
—נעמט מיך אויף אין אייער קעניגרייך!

זעך איך זיך אויף יעדער שוועל
זע איך, אלץ איז גלאנציק העל;
—נעמט מיך אויף אין אייער קעניגרייך!

ווייזט זיך וואו נישט וואו א קאפ,
קוקט מיט שטארן בליק אראפ;
—יעדער היט זיך אפ זיין קעניגרייך!

מעגסטו זיין נאך ווער דו ביסט,
ס'איז דיין זוכן גאר אומזיסט;
—יעדער היט זיך אפ זיין קעניגרייך!

קום איך מיר ארוים אין פעלד
וויין איך הויך, און שריי און שעלט:
—נעמט מיך אויף אין אייער קעניגרייך!

כ'טוליע זיך צו בוים און צווייג,
צו זאנג און בלום און טראכט און שווייג:
—נעמט מיך אויף אין אייער קעניגרייך!

שווייגט די בלום פארקלערט און צארט
קוקט דער בוים מיך אן פארשטארט:
—יעדער היט זיך אפ זיין קעניגרייך!

נויגט די זאנג זיך אן א זייט,
שפרייט דאס פעלד זיך אין דער ווייט;
—יעדער היט זיך אפ זיין קעניגרייך!

שפאן איך ווייטער טרויעריק שטום,
שרייט מען נאך פון אומעטום:
—יעדער היט זיך אפ זיין קעניגרייך!

מ. קווער.

# ווי אזוי יידן מאטערן זיך---

קריסטן האבן זיך אמאל — און צייטנווייז אויך איצט—ניט געקענט קיין עצה געבן, ווי זאל מען אפיציעל אנרופן דאס יידיש פאלק און מען איז משווה געווארן אויף „זשיד". און אז כ'דערמאן זיך איצט, ווי אט דאס ווארט פלעגט ארויסגיין ביי א קאצאפ פון זיין „הייליקן מויל", זשומעט מיר נאך איצט אין די אויערן...

אט דער פאראלעל בעט זיך ממש צום פאקט, ווי אזוי די היגע ה ע ב ר ע־א י ס ט ן האבן אויסגעפונען כלערליי נעמען כדי צו באצייכענען די יידישע שפראך. דעם אמת געזאגט פארשטיי איך זייער צער: דער אויבערשטער האט אראפגע־שיקט א י י ד י ש אויף זייערע קעפ און זיי ווייסן נעבעך ניט, ווי אן עצה צו געבן זיך מיט איר. זיי זיינען געשטעלט געווארן

פאר א „הארבער פראבלעם״: ווי זאל מען אנרופן אין דרוק אט די „פארשאלטענע״ שפראך, און אויך זיי, די העברעאיסטן, האבן געפונען א נאמען מיט א פאסיקן „זש״־קלאנג: „ז׳רגון״. דאס איז דער אפיציעלער נאמען, וואס זיי האבן איינגעפירט, און לגבי דעם איז ניטא קיין אונטערשייד צווישן העברעאישע רעאקציאנערן און העברעאישע סאציאליסטן.

אויסער אט דעם „אפיציעלן״ נאמען זיינען פאראן נאך „אומאפיציעלע״ באצייכנונגען פאר יידיש, און כדי צו זיין אביעקטיוו, וועלן מיר איבערגעבן א רשימה פון אט דעם „דיפלאמאטישן ווערטער־בוך״ מיט א זוכצעטל, צו געפינען יעדן נאמען:

1. „ז׳רגון״—זע דעם געלן „דואר־היום״ און דעם ליבעראלן „הארץ״. צוליב „טעכנישע סבות״ און צוליב ח׳ בן־צבי׳ם אומשולד איז אט דער נאמען אדורך אין אפיציעלן קאמוניקאט פון „ועד הלאומי״ וועגן יידישן קלאנג־פילם אין פאלעסטינע.

2. עברי־טייטש״—זע די קאטאלאגן פון דער תל־אביבער „שער־ציון״ ביבליאטעק און אין די „ידיעות עירית תל־אביב״ דעם טערמין האט צוליב „שטרענגער וויסנשאפטלעכקייט״ איינגעפירט דער „זאגענאנטער פראפעסאר״ אברהם כהנא.

3. „יהודית״—כמעט אין ערגיץ ניטא. נאר אמאל גייט עס דורך, ווען דער קארעקטאר פארזעט עס...

4. „אידיש״, „יודיש״ און „יודית״—אין ארבעטער־צייטונג „דבר״ און אנדערע ארבעטער־אויסגאבעס. אויך דא בלאנדזשעט מען ארום און מען ווייסט ניט ווי פעסטצושטעלן איין נאמען, און צוליב באקוועמלעכקייט וועגן און צוליבן „מה יאמרו



הבריות״ — באנוצט מען זיך מיט גאנצע דריי נעמען...

5. „השפה המדוברת״ — אין פישל לאכאווערס „תולדות הספרות העברית החדשה״, תל־אביב, תרפ״ח. אט דער ליטעראטור־היסטאריקער בלייבנדיק געטריי דעם מנהג פון די גאליציאנער „דייטשן פון מאזאאישן גלויבן״ באצייכנט אויך די געאגראפישע גרעניצן פון דער יידישער שפראך אנווייזנדיק (דארט, ז. 91), אז „דאס איז די אומגאנגס־שפראך פון די יידן אין מזרח־אייראפע״. ס׳הייסט, אז אין פאלעסטינע און אין אמעריקע, אין קאנאדע, אפריקע רעדט מען ניט קיין יידיש.

6. ״שפת ההמונים״—דאס מאל האבן די העברעאיסטן צוגעטראפן: די מאסן־שפראך פון יידישן פאלק איז יידיש!

י. קעניגשטיין

## מערץ ווינטן

ווינט, נאדיר מיינע הענט,
פלי!
ס׳האט זיך פייערדיקער גלי צעברענט.
איך, דו, זיי.
העי,
א סאך, א סאך,
אלע זיינען מיר אסאך!
מ א כ ט.
לאמיר אנצינדן דאס פייער אויפן דאך,
מיר וואס טראגן אויף זיך וועלט דורך
טאג און נאכט.
מיר וואס זייען פרייד
אין אויפגעברויזטן קראך.
שטורעם קלייבט צוזאמען הענט
פון אלע עקן וועלט,
פייעריקע הענט.
אט, באלד — — —
טראך, טראך — — — !



אברהם בליי

# ברודערשאפט.

(בילד)

אויפן גרעניץ פון מלוכה „יידישער פרדס״ הענגט א שילדל:

„מלוכה, יידישער פרדס״. 13 יאר נאך באלפור־דעקלאראציע. ריינע יידישע ארבעט. אראבישע ארבעט שטרענג פארבאטן. מיר נוצן אויס בלויז יידישע נאציאנאלע הענט. אונדזערע היסטארישע רעכט באשיצן מיר מיט פרעמדן כוח.

אראבישע ארבעט אין אונדזער מלוכה־א נאציאנאלער חטא! יידישע ארבעט ־געשטיצט פון צווייטן אינטערנאציאנאל.״

אויפן גרעניץ פון מלוכה ״אראבישער פרדס״ הענגט אויך א שילדל:

״מלוכה, אראבישער פרדס״. א מלוכה, וואס האט פון דורות לאנג איינגעזאפט אין זיך די רויע ערד און א טייל פון איר געווארן. נוצן בלויז אראבישע ארבעט. אונדזער צייט—פון זון אויפגאנג ביז זון אונטערגאנג. אונדזער ארבעטס־לוין—דער מינדסטער. אונזער מלוכה—בלויז פאר ספענדים און גוט־באזיצער. די ארבעטער—די וואס דארפן עס שאפן. מיר באשיצן אונדזער מלוכה מיטן כוח פון עקספלאטאציע און רעליגיע. א הויכער פארקאן פארצויגן מיט שטעכיקע דראטן איז די גרעניץ: „מלוכה יידישער פרדס״ און „מלוכה אראבישער פרדס״. הארט ביים פארקאן צעשפרייטן זיך אראנדשן־ביימער און פארווארפן זייערע צווייגן אריבער דער גרעניץ. די זעלבע זון ווארעמט די ביימער. צעבליען זיי זיך און לאזן מיט זייער צוויט פארשכורן יעדן פארבייגייער



ייד ווי אראבער,—אראבער ווי ייד. און ווען די זון צעווארעמט די גלידער, נעמען זיך אונטן טיף—טיף אין דר׳ערד צונויף די דינינקע ווארצלען און זויפן איניינעם דאס זיסקייט פון דער ערד.

וואס גרעניץ, ווער גרעניץ?

נאענט צום טייכל ירקון. ווייט פון יידישן ישוב. אין סאמע הארץ פון אראבישער ווירטשאפט א גרעניץ. ארבעטן האסטיק פיאשן אויף ביידע זייטן גרעניץ. גיסט זיך שוויים און באנעצט די ערד. ווערן גרודעס ערד פון ארבעטער־הענט צעבראקלט, און קליינע זאמדעלעך צעקלאפט. דרינגט די זון אריין דורך זיי און עס בליט, עס וואקסט און גרינט, זיצט אויף איין זייט אן אנגעפרעסענער עפענדי מיט א רויטער פעסקע אויף זיין קאפ, ציט דעם ציבעק פון א נארגילע, לאזט די ריחות אין דער לופט און טראכט פון וואוילטאג, תענוגים און פון ווייבער פיל, און אויף דער צווייטער זייט גרעניץ זיצט א יידישער פלאנטאטאר, מיט רויטע באקן, בלוט און מילך מיט ווייסע פוכקע הענט, מיט פינגער, וואס קענען נאר ציילן, זיצט ער און פארבייסט פון אלדאס גוטס און טראכט פון ענגלישע פונטן, דאלארן, בענק, פון א נייַ שטיקל באדן, נאך א פרדס און פון דעם געשעפט 13 יאר באלפור דעקלאראציע. גאר ניט קיין שלעכט געשעפט, נאר די מארקע „יידישע ארבעט״ אביסעלע טייער. דער זייגער—אויך ניט דער ריכטיקער!

אין ביידע מלוכות ווימלט מיט לעבן, ארבעט, פלאנצונג, פרישע פרוכט, ערד, נאטור, בארג, זון און לויטערער הימל געמישט מיט צער און פיין, מיט שוויים און פאלשע אילוזיעס. מישן זיך אוים טענער פון ביידע גרעניצן:

כ'אקער, כ'זיי, כ'גראב מיט דער נאז
און פאר וועמען און פאר וואס?
מיט:
פאר מיין פאלק און פאר מיין לאנד
גייט „כבוש" און ארבעט האנט אין
האנט.

קומען בינען צופליען, זשומען, פארשפרייטן ברידערלעכקייט, מעקן אפ גרעניץ פון גרעניץ, א לעק פון דא, א נאש פון דארט. וואס גרעניץ, ווער גרעניץ?

קלינגט דער גלאק. שטעלט זיך די ארבעט פון פיאשן. דער חשבון שטימט: מענטש איז ניט מער ווי מענטש. ווער עס האט היינט גענוג רו, דער וועט מארגן ברענגען העלט מיט פרישן בלוט. אלץ פארן לאנד און אלץ פארן פאלק. און אויף יענער זייט גרעניץ איז דער חשבון אנדערש: הענט—זיי זיינען גענוג דא. היינט — גיב דו דיין קראפט, מארגן—וועט א צווייטער קומען. די זון איז דער זייגער. אויפגאנג און אונטערגאנג. קלאפן נאך די פיאשן. שוועבט מיט שווערן אטעם, מיט מידקייט און פחדנות.

בלייבט פארשעמט די זון: אפילו אהיים באגלייטן לאזט מען ניט!

קומט א קליין ווינטעלע צוגיין און קילט די פארשוויצטע קערפערס. גנבעט זיך אריין דורכן אפגעקנעפלט העמדל טיף אין דער ברוסט אריין און דערפרישט. איז גוט צו ליגן אוויילע ביים טייכל און



פון א שיינעם לעבן טראכטן. אריבער די גרעניץ גייט יצחק. שפאנט פאמעלעך ווי ער וואלט וועלן וואס מער פון דער נאטור אין זיך איינזאפן. קומט ער צום ברעג פון טייכל, ציט זיך אוים און קוקט טיף, טיף אין הימל. זעט ער ווי דער הימל ווערט פול מיט סטאדעס שאף דא, און דארט הייזער און געביידעס אין די טויזנטער, אויסגעפלאסטערט אלע גאסן. יום טוב הילכט דא און דארט. שמייכלען אלע. ניטא קיין שלעכטס, אלץ איז גוט. זעט ער ווי ס'איז אויסגעשפרייט איבער דער גאנצער לענג פון הימל א רויטער פאס:

„די גאנצע וועלט—פאר דעם וואס ארבעט." מאכט ער זיינע אויגן צו און פילט ניט, ווי פאמעלעך רוקט זיך די זון אוועק. ווי שטיל עס ווערט, ווי אלצדינק גייט אין שלאף און רו, און אז לעבן אים ליגט אויך אויסגעצויגן מאכמור. ליגט ער און סאפעט, אטעמט האסטיק. דריקט זיין אויסגעמאטערטן קערפער צו מוטער ערד.

—גוט ברודער אזוי צו ליגן דא ביים טייכל, ניט אזוי?

עפנט יצחק מיט אמאל די אויגן דערזעט מאכמורן:

—יא, ברודער, גוט ביים טייכל.

—איז צו וואס גאר טראכטן פון הימל, אז מ'קען אויך אויף דר'ערד דעם גרעניץ פארניכטן, אז אויך אויף דר'ערד קען מען אזא פאס פארציען:

„די גאנצע וועלט—פאר דעם וואס ארבעט".

און אין איין באנק טרעפן זיי זיך, עפענדי און קאלאניסט. ביי זיי איז



קיין גרעניץ ניטא, בלויז פאר אונדז האט מען דעם פארקאן געמאכט. איינ־געטיילט: דא רויב איך—דא רויבסט דו. און וואס זיינען מיר ערגער פון די בינען, און וואס זיינען מיר ערגער פון די דינע ווארצלען אונטער דער ערד. אונדזער איז וועלט. מיר זיינען די שאפער! מיר זיינען די, וואס ברענגען גליק פאר יענעם און ניט פאר זיך. העגט זיינן דאך אלע איינס. מיין קלאפ אין דער גרודע ערד און דיינער איינס־און דאס זעלבע. און אין די הייזער ביי אונדז הערשט נויט און הונגער. און צו וואס אט דער גרעניץ? די גאנצע וועלט פאר דעם וואס ארבעט, און מיר ארבעטן! פארוואס ניט צעברעכן און פארניכטן דעם גרעניץ? פארניכטן די פיאווקעס וואס זיינען ווי די שטעכיקע גראזן, וואס שטערן דעם אויפבלי פון מאראנצן.—בוים? מיר ווילן בליען? דארפן מיר צוערשט די שטעכערס פארניכטן.

הויבט מען זיך ביידע אויף. מ'זעצט זיך אנידער, מ'פארדייט א סיגארעטל, לייכט אויף א פייערל פון א שוועבעלע. דיר א פלעמל — מיר א פלעמל. איין רויך, מישט ער זיך אוים און דערטראגט זיך אין די טיפענישן פון הימל. זאגט אן א נייע בשורה:

אונטן ביים טייכל שרייבט מען א נייע שילד:

„די גאנצע וועלט—פאר דעם וואס ארבעט". זשומען קליינע פליגעלעך. שאקלט צו א צווייגל פון א בוים. פליט פארביי א פייגעלע און מאכט מיט די פליגעלעך. ליגט רואיק דאס טייכל און הערט זיך צו. שפרינגט ארוים א פישעלע



און מיטן עקל גיט עס א פליוסקע צו אין קלארן וואסער:

„בראווא! בראווא! ברודערשאפט ווערט געשאפן!

די גאנצע וועלט פאר
דעם וואס ארבעט!"

---

צבי בייקעס.

## צינדט מיין ברודער די לאמטערנס

אין אלע נעכט
פון רעשדיקן ליארם,
אין מיטן שטאט
מיט צעווילדעטן הוא־הא,
אין מיטן שטאט,
וואו זיי איז שטענדיק
נוט און ווארעם,
—איז דער ארום
פאר מיר עפעס
שטיל און שא...

און איך זע,
ווי עפעס שוועבט ארום
אין דעם גערודער
לאנגזאם און פאוואליע.
און איך זע
ווי עפעס קריכט.
ווייס איך:
דאס קריכט פאוואליע,
ער, מיין ברודער,
און צינדט לאמטערנס
נייע ליכט...

ד״ר ב. שטילמאן.

# ווי מען בילדעט דא דערוואקסענע?

ניטא קיין גענויע ציפערן, ווי עס ווערט דא, אין לאנד, דורכגעפירט בילדונג פאר דערוואקסענע, פארן ברייטן פאלק, סיי אין שטאט און סיי אין דארף.

קיינער קאן ניט זאגן גענוי, ווי גרויס איז די צאל פון די באזוכער ביי די עפענטלעכע לעקציעס און אפילו אויך ביי די קורסן, וואס פאר א סארט בילדונג ווערט דארטן געגעבן, וויפל קאסט עס, אט דער לוקסוס. דאס וואס ס'איז יא דא אין ציפערן און באריכטן — איז ניט מער ווי אן השערה.

אלעס וואס מיר ווייסן אבער יא, מער אדער ווייניקער, איז דער אינטערעס וואס אט די בילדונג רופט ארויס ביי די באזוכער, ביים ברייטן עולם, יונג און אלט.

דא מוז מען אבער אפטיילן די שטאט פון דארף, אדער גענויער, די דריי באקאנטע שטעט אונדזערע, וואו עס זענען נאך דא די מעגלעכקייטן צו קריגן א בעסערן לעקטאר און ס'איז אויך דא, א גרעסערער אויסוואל פון קורסן און לעקציעס, וואו יעדער איינער קאן זיך אויסקלייבן דעם קעגנשטאנד, וואס אינטערעסירט אים א מערסטן.

דער גרעסטער טייל פון די לעקציעס און קורסן, וואס ווערט דורכגעפירט אין תל אביב, למשל, האט צוטאן הויפטזאכלעך מיט יידישקייט, מיט תורה, אדער מיט יידישע געשיכטע. עס איז דערפאר קיין וואונדער ניט, וואס דאס ביסל באזוכער זיינען בעיקר פון באבערדלטע



יידן און פון באיארטע פרויען. ניטא קיין יוגנט. די יוגנט שפאצירט דעמאלט אויף „אלענבי", אדער געפינט זיך אין סינעמא און מ'קאן צו איר קיין טענות ניט האבן. מ'דארף דאך באמת שוין זיין א ייד אין די יארן, כדי צו פארלאזן די גאס און זיך אוועקזעצן אין „עונג שבת" למשל, און אויסהערן עפעס א דרוש וועגן פרשת השבוע.

פארטייען און הויפטזאכלעך די „ועדת התרבות" פון דער ארבעטער ארגאניזאציע, פירן שוין יא אמאל דורך לעקציעס און קורסן אויף פאליטישע און עקאנאמישע פראגן. אבער אויך דאס, איז אזוי סיסטעמלאז און אזוי אומאינטערעסאנט, אז די באזוכער,—דא שוין מערסטנס יוגנטלעכע,—הערן אוים מיט זייער ווייניק אויפמערקזאמקייט. מ'שמועסט צווישן זיך, ווי אין א קליינשטעטלדיקן בית מדרש, מ'האלט זיך אין איין ארומדרייען. איידער דער לעקטאר ענדיקט, ווערט דער זאל האלב ליידיק. קיין פראגן, אדער דיסקוסיעס זיינען כמעט ניט בנמצא, און אין זאל הערשט א שרעקלעך טויטלעכע שטימונג.

אבער ווי אויבן געזאגט, אויב אין שטאט, ווערט נאך א מאל דורכגעפירט מער אדער ווייניקער, א שטיקל אינטערעסאנטע לעקציע, אדער קורס, איז אין דארף ניטא אזעלכעס וואס קאן פאראינטערעסירן די יוגנט. ניט דער לעקטאר איז אפט פון דעם מין, וואס קאן צוציען צו זיך אן עולם באזוכער, און ניט



דער קעגנשטאנד איז אזעלכער, וואס קאן פאראינטערעסירן וועמען עס איז, ער זאל נאך א שווערן ארבעטסטאג, אוועקשענקען אן אוונט און קומען אויסהערן אזא דרשה. און דערפאר ווערן די לעקציעס אין דארף דורכגעפירט אויף אזא אופן, אז זיי שטעלן קיינעם ניט צופרידן, ניט דעם לעקטאר און ניט דעם צוהערער.

דא דארף מען אינזינען האבן, אז דוקא אין היגן דארף, געפינט זיך אן עולם, וואס איז דערצויגן געווארן אין געזעלשאפט, וואס איז געוואוינט געווארן אויסצוהערן לעקציעס און אנטייל צו נעמען אין דיסקוסיעס.

פארשטייט זיך, אז דא שפילט א גרויסע ראלע, דער ענין שפראך. דער דארפס-מענטש האט קיין צייט ניט, האט ניט די געלעגנהייט און האט ניט דעם געדולד, זיך אויסצולערנען אויף אזויפיל העברעאיש, ער זאל קאנען גוט פארשטייען און אנטייל נעמען אין אזא סארט לעקציע, אדער דיסקוסיע. און נאך אמאל, דאס וואס מיר איז שוין אויסגעקומען ניט איינמאל צו פרעגן ביי



די פירער פון היגן געזעלשאפטלעכן לעבן: וואס וואלט פארט געשאדט, ווען מ'זאל חלילה אזא סארט לעקציע, דורכפירן אין דער שפראך פון פשוטן דארפישן מענטשן? דער צוועק פון דער לעקציע איז דאך פארט, כדי צו בילדן דעם עולם, איז זאל ער לפחות, קאנען פארשטיין, וואס מע רעדט צו אים.

מע האט צוזאמענגענומען צענדליקער טויזענטער מענטשן מארבע פנות העולם, מענטשן וואס האבן געשפילט א געוויסע ראל אין יידיש-געזעלשאפטלעכן לעבן, צי אין ווארשע, צי אין ניו-יארק, מענטשן וואס האבן געלעבט יארן, וואס זענען דערצויגן געווארן, דורך עפנטלעכע לעקציעס און קורסן, מענטשן וואס האבן אנטייל גענומען אין דיסקוסיעס, זיי ארייגעזעצט אין קליינע שטעטלעך, אדער אין נאך קלענערע דערפער און געלאזט זיי איבער אויף „נאטס" באראט, אן א צייטונג, אן א לעקציע, אן געזעלשאפטלעך לעבן און אן פאפולערער בילדונג.

און דאס איז א געוואלדיקע עולה, אן עולה וואס ברענגט און וועט נאך ברענגען אומגעהויערן שאדן.

# מיר רעאגירן---

## וועמען שיט מען זאלץ אין די אויגן?

דניאל פערסקי רופט זיך אן הומאריסט און מיט דעם טיטל פעליעטאנעוועט ער אויף רעכטס און אויף לינקס אין אלע העברעאישע גאזעטן.

מילא, מיר פארגינען אים און די גאזעטן דאס פארגעניגן. אבער, ווען אנשטאט „הומאריסט" וויל ער ווערן „לץ", דאן זאגן מיר אים: „זייט אזוי גוט, הער פערסקי, הומאריסטעוועט בעסער וועגן די מיידלעך ביים ברעג ים, „ערלידע" און פון וואס אייער הארץ גלוסט, אבער זייט ניט קיין לץ אויפן חשבון פון א פארשטארבענעם יידישן דיכטער. הערט פאר א טשיקאוועס!

—„עס איז געווארן פינף יאר צום טרויעריקן יארצייט פון העבראישן דיכטער,

וואס דורך א צופאל האט ער־נעשריבן יידיש „יהואש״ (פערסקי „הארץ״ 19־טן פעברואר)

—נו, זאגט אליין, איז עס ניט א ליצנות צו שרייבן אויף דעם דיכטער וואס האט אפילו דעם תנ״ך איבערגעזעצט אין יידיש, אז ער איז א העברעאישער דיכטער...

אלעף ביים.

---

## וועמען זאל מען גלויבן? — — —

ביאליק האט זיך אומגעקערט פון זיין נסיעה איבערן יידישן אויסלאנד און קומענדיק אהער האט ער געהאלטן א רעפעראט, ווי אזוי האלט עס איצט מיט העברעאישער יידישקייט אין אויסלאנד. פארשטייט זיך, אז עס איז געווען איין לאנגער „קנים והנה והי״. דאך איז אבער געווען א ליכטיקער שטראל פון י י ד י ש ן קולטור־לעבן: ביאליק האט באזוכט דעם יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע און האט אונטערגעשטראכן זיין וויכטיקייט. קומט צוגיין דער היגער „הארץ״ און גיט איבער, אז ביאליק האט געזאגט אטוואס: „אמנם יש ייוו״א בווילנה, אבל חשיבותו מועטה ולא נכרת״. און דער „דבר״ ווידער האט דוקא געשריבן, אז ביאליק האט זיך אויסגעדריקט „לייוו״א בווילנה יש חשיבות״. פרעגט זיך: וועמען זאל מען דא גלויבן, צו דעם ברייט—„דעמאקראטישן״ אפנהארציקן „הארץ״ צו דעם „סאציאליסטישן״ „דבר״, וואס אויך אים קען מען ניט חושד זיין אין אביעקטיוויטעט לגבי יידיש? און אפשר זאל מען פרעגן ביאליקן אליין? —

מעם—קוף.

## היתכן פריינט נחמן מייזל?

מיר האבן געלייענט אין „היינט״



פריינט מייזלס באריכט וועגן דער יידישער ליטעראטור אין 1931 איבער גאר דער וועלט. באמת א ווינטשנסווערטע ארבעט צו פארצייכענען אלץ וואס ווערט דורך א יאר געשאפן אויף אונדזער קולטור פראנט אונדז, פאלעסטינער יידישע שרייבער, האט אבער שטארק געוואונדערט וואס אין דער רשימה זענען ניט אויסגערעכנט די אלע אויסגאבן פון העפטן און ביכער, וועלכע זענען ארויס אין פאלעסטינע פארן יאר 1931. מיר האבן גערעכנט, אז דאס איז א צופאל. ווי דען זאל מיר טראכטן, אז בכונה האט פריינט מייזל דוקא אונדז די יידיש קעמפנדע אויסגעלאזן? איצט אבער אנאנסירט די „ליטעראַרישע בלעטער״ א רייע ספעציעלע אויסגאבן געווידמעט שאפונגען אין יידיש אין די פארשיידענע לענדער, אריינגערעכנט אפילו רומעניע און קובא. א. א. וו. פאלעסטינע איז ווידער ניט דערמאנט, פונקט ווי דא וואלט זיך ניט געפונען א גאנץ היבשע גרופע יידישע שרייבער, וואס זאגן זייער ווארט, סיי אין אויסלאנד און סיי אין לאנד.

זאל עס ווידער זיין א צופאל, חשובער פריינט מייזל, צו איז עפעס דא א כונה דערביי?

מיר פארלאנגען ניט קיין אנערקענונג נאר דערמאנונג.

אלעף ביים

## וועגן אוניווערסיטעט, פעטש און וועגן נאך עפעס.

דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים האט איינגעלאדן א נייעם דרשן, דעם מיסטער נ א ר מ א ן בענטוויטש, דעם געוועזענעם יוסטיק—ראט פון דער



פאלעסטינער רעגירונג, ער זאל לייענען א סעריע לעקציעס איבערן וועלט־שלום און נאך אזעלכע שאלעמויזן. איז דער ערשטער רעפעראט זיינער אדורך „בשלום״, נאר איז באריכערט געווארן מיטן ווייריך פון רעוויזיאניסטישע שטינק־באמבעס און באגלייט געווארן מיטן אקאמפאנימענט פון נאציאנאלע צווישנרופן, וואס זיינען געווען באהויכט מיטן „אידעלן גייסט״ פון מלוכהשער ריטערטום באזוימט מיט שאוויניזם.

דאס איז געווען דער ערשטער „פרידלעכער״ עטאפ.

דער צווייטער עטאפ איז אדורך מיט מער „פרידלעכקייט״ ווי מ׳האט זיך געקענט פארשטעלן. אונטערן קלאנג פון פאליצייאישע שפארן האט מען—די „רעוואלוציאנערע״ שרייערס ארויסגעשלעפט פון זאל, און כדי צו פארפולקומען דאס בילד פון אויפגעברויזטער אקאדעמישקייט, איז דער „טעמפל פון ריינער וויסנשאפט״ באפארבט געווארן מיט רויטער פליסיקייט. קורץ גערעדט: מען האט געהויבן הענט און ס׳זיינען געפלויגן פעטש.

דער דריטער עטאפ—און דער איז זיכער דער פרידלעכסטער: דער רעקטאר פון אוניווערסיטעט פארעפנטלעכט א דער־קלערונג אין דער פרעסע און דער פרא־פעסארן—ראט שליסט אוים דריי סטודענטן אויף צוויי יאר.

מיט דעם איז נאך דער ענין ניט פארענדיקט און אויף א זיצונג פון „אסיפת הנבחרים״ לייענט בן־גוריון פאר א אינטער־פעלאציע, וואו ער דערקלערט צווישן אנדערע, אז ד״ר מאגנעס האט באקומען פאלגנדן דראאונגס־בריוו: „אראפ דו נידערטרעכטיקער מנוול, וואס דו ביזט, אראפ! אניט וועסטו



חאבן א ווייסטן סוף, ווארום אין מיטן העלן טאג וועל איך דיר צעשניידן אויף שטיקער און דיין בלוט וועל איך צושיקן דיין פאמיליע...״ (לויטן באריכט אין „דבר״ פון 2־טן מערץ, ד. י.)

הייסט עס, אז „מיר״ פארמאגן שוין א אוניווערסיטעט „ככל הגויים״, מיט לייטן צוגלייך, און טאקע מיט ארויסטרעטונגען פון סטודענטן און טאקע מיט פעטש. עס איז נאר צו באדויערן, וואס די שטארקע טענער האבן ארויסגערופן א וויברירונג אין דער ביזאהעריקער רואיקייט און וואס דער צירלעך־מאנירלעכער שלום־בית איז צעשטערט געווארן אומגעריכטערהייט.

און נאך אן אויספיר: די „אידעלע ריטער פון מלוכהשן געדאנק״ זיינען אזוי ווייט פארכאפט געווארן מיט תוהו—ובוהודיקן שאוויניזם, אז א שארך פון א פוסטן שאם וועגן שלום־פולווער האט זיי געבראכט צו א גענעראלער מאביליזאציע פון זייערע שווארץ—גווארדייאישע כוחות.

מעם—קוף.

## די „תורה״ פון די משולחים

אז עס קומט דער ליבער ווינטער ווערן די „תפוצות הגולה״ באערט מיט פארשיידענע משולחים פון הייליקן לאנד, אנהייבנדיק פון שד״רים פאר ישיבות און צדקה—אנשטאלטן ביז די מאדערנע שד״רים פאר דעם ארבעטנדיקן ארץ־ישראל. די לאזונגען מיט וועלכע מ׳קומט צו די נדיבים זענען כמעט די זעלבע. אנדערש איז נאר דער טאן און די מליצה: די ערשטע רעדן אין נאמען פון נאט, פון מצוות טובות, פון עולם הבא, און די לעצטע אין נאמען פון „כבוש״, יידישער מדינה און „נאציאנאליסטישן

סאציאליזם". אין אמעריקע פירן די לעצטע אן א געווערקשאפטן—קאמפיין. מ'דערציילט די ארבעטער וועגן פארשיידענע דערגרייכונגען אפילו אויפן קולטורעלן געביט, אלצדינק בליט דא אין לאנד, די העברעאישע שפראך, ליטעראטור און קולטור באווייזט גאר וואונדער...

דער י. ל. פרץ שרייבער פאראיין האט איינגעלאדן זלמן רובאשאוון אויף א פארטראג איבער דער טעמע: די דערגרייכונגען פון דער העברעאישער קולטור.

דער רעדנער האט פארשטייט זיך גערעדט אין יידיש. אינטערעסאנט איז אבער צו האט ער אויך דערציילט, ווי אזוי מ'פארווענדט אט די אלע געקליבענע געלטער? מיט וואס האדעוועט מען דעם היגן ארבעטער אויסער מיט לשון קודש און א פרק „איוב". ?

צו וויסן אט די אלע ארבעטער וואס גיבן צושטייער צו דעם קאמפיין, אז א טייל פון זייערע געלטער ווערט דירעקט אדער אומדירעקט פארנוצט צו באקעמפן די שפראך פון די יידישע ארבעטער און פאלקס מאסן, יידיש? צו דערציילן עס זיי אט די משולחים?

אלעף—ביים.

## אויב שטאמלען—איז אויך אויף העברעאיש———

אין לאנד איז לעצטנס געקומען דער מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקו־טיווע העשל פארבשטיין, וועלכן די היגע פרעסע האט באקרוינט מיטן טיטל „דער דערלייזער פון מיטלשטאנד" („גואל המעמד הבינוני"). אויף אים האט מען דאס געווארט ווי אויף משיחן, ער האט דאס געוואלט



ברענגען א רפואה פאר דער מכה, און צום סוף, אז ער האט געוואלט ריידן פאר א ברייטערן עולם—האט מען אים ניט געלאזט. וואסי? ער האט געוואלט ריידן אין יידיש. געשען איז עס אויף א זיצונג פון דער „אסיפת הנבחרים" און פארגעקומען איז עס לויטן ווטא פון „אייזערנעם קאנצלער" אוס־שקין און מ־טן כוח פון הרב קוקס שטריימל.

דערפאר האט העשל פארבשטיין זיך נוקם געווען אן זיי און אוועקגעלייגט א דרשה אויפן אשכנזישן עברית מיטן פוילישן אקצענט אזוי, אז דער קארעס־פאנדענט פון „דבר" האט נאכדעם געהאט א טענה צו אים הלמאי, ער, ר' העשל, האט צעקאליעטשעט די העברעאישע שפראך.

ווייזט אויס, אז די חיים־נחמנס און די מנחם־מענדלס האבן נאך אלץ גארנישט געלערנט———

מעם—קוף.

## קעגן דער אונטערדריקונג פון יידיש אין פאלעסטינע.

די יידישע קולטור געזעלשאפט פון אמעריקע האט ביי איר צווייטן צוזאמענפאר אין דעצעמבער 1931 אנגענומען צווישן אנדערע פאלגנדע רעזאלוציע:

דער צוזאמענפאר פראטעסטירט קעגן דער אונטערדריקונג פון יידיש אין ארץ־ישראל און באגריסט די חברים אין א"י וועלכע פירן אן א קאמף פאר יידיש און שטעלן זיך איין פארן כבוד פון דער יידישער שפראך און ליטעראטור.





# לייענדיק———

(וועגן ביכער און זשורנאלן)

## וו. לייכטער מינוס עמיל לודוויג.

וו. לייכטער. מיניאטורן. פארלאג „בית יעקב" לאדזש. געדרוקט אין תל־אביב.

...לייכטער האט אנומלט געשריבן אין די „כתובים" וועגן עמיל לודוויג און געמאכט פון אים אש און פארך, אז ער (לודוויג) קאן נישט שרייבן, אז זיינע ביאגראפיעס האבן קיין טעם נישט א. א. וו. דערפאר אבער האט ער (לייכטער) אונדז איצט מזכה געווען מיט זיינס אן אייגן „קונסטווערק" עס זאל הייסן א ווערק אויפן ראמאנטיש־פילאזאפישן באדן, אזוי צו זאגן. טא הערט, ושע, פילאזאפיע:

—„כ־ווער א גיאמעטריש פינטעלע. (די ארטאגראפיע פון דער „אגודה". א.ב.) קוקנדיק אפן ים האריזאנט, איז מיר שווער צו דערגיין, וואס איז דער הילוק פון הימל ביז ים. ס־ווערט דארטן אלץ איין שטח. און ווי איז דער דין—פרעג איך מיך—אז כ־זאל דאס קאנגין, למשל, א דריי אום גיבן הימל אונטן און וואסער אויבן, (ווי געפעלט אייך די פילאזאפיע? א.ב.). וואס וואלט פארפלייצט וואס: הימל דעם וועלט באלים, אדער ים דעם וועלט חלל? אדער גארנישט, דאס מזל מאדים וואלט ווידער־און־אבער גילאכט צו מיר. נאר פון אונטן ארויף. און די לבנה וואלט איך געמאכט, זייט מיר מוחל, פאר א נאכט טעפל, (א השגה פון א יידן! א. ב.) און כ־וואלט אנגעהויבן בענקן, (אנדערש ווייזט אויס קאן וו. לייכטער ניט בענקען, סיידן ער האט די לבנה פאר א נאכט־טעפל א.ב.) ווי יענע מלאכים אין ספר בראשית" (זייט 14).

אז יענער בעט מיר זאלן אים מוחל זיין פאר דעם פארגעניגן, וואס ער וויל זיך פארשאפן וואס ער וויל דווקא בענקען ווען די לבנה ווערן זיין נאכט טעפל, מילא. וואס ארט עס אונדז אז ער וויל דוקא זיין אי מאדערן (איי א קא־פעטשקע מאדערן!) אי ראמאנטיש־פילאזאפיש. אבער איין תנאי האבן מיר צו אים (צו וו. לייכטער, מיר זענען אפילו גרייט מוותר זיין לטובתו אז עמיל לודוויג קאן נישט שרייבן און ער (לייכטער) קאן, (אוי קאן ער!) נאר זאל ער אונדז נאר פארטייטשן, אדער פשוט געבן צו פארשטיין דעם אינהאלט פון אזא „אפאריזם" (ווייי איז מיר!) וואס הייסט „בליקן", אנטהאלט גאנצע צוויי שורות און צוליב דער וויכטיקייט, ווייזט אויס, האט דער מחבר פאר דעם אפגעגעבן א גאנץ זייטל. מיר, פשוטע מענשן, וואס זענען נעבעך אזעלכע איגנאראמוסן און האלטן, אז עמיל לודוויג קאן דאך אביסעלע שרייבן, מיר קענען זיך ניט דערגרונטעווען צו די טיפענישן פון געדאנק אין דעם „אפאריזם", (זייט מוחל).

„פאר א זעגל אפן ים האב־ך יראת הכבוד, אזא שיפל איז געגליכן צו אונדזער לעבן, און דערפאר טאקע האב־ך עס האלד, ווייל דאס לעבן האט געבוירן דעם „אז ישיר"!... (דאס גאנצע זייט 24).

פארשטייען מיר, 1) אז דער מחבר האט א יראת הכבוד פאר א זעגל אויפן ים, 2) אז אזא שיפל איז געגליכן צו אונדזער לעבן—פארשטייט ער מן הסתם, 3) אז ער, (לייכטער) האט עס האלט קאנען מיר אים גלויבן. אבער אום גאטעס הימלס ווילן, ה' לייכטער, ראטעוועט אונדז, דערציילט אונדז אויך דעם סוד, וואס מיינט עס, ווייל דאס לעבן האט געבוירן דעם „אז ישיר" מיט געגנדזנ־פיסלאך, אויסרוף־צייכן און דריי פינטעלעך? וואס איז עס פאר א גראטשטראם מאך מיר א לעטניק? און אז איר וועט אונדז שוין פארענטפערן אויף דער שאלה אפשר וועט איר שוין אין איינוועגס אונדז דערציילן, וואס מיינט עס צו דרוקן אן אפאריזם וואס גייט ארום אין פאלק, אלס אן אייגענעם. מאכן דעם אנשטעל און ווידער אמאל

אפגעבן צוויי שורות אויף א גאנץ זייטל, ווי:

„די לבנה איז מיר נענטער ווי

די זון. די לבנה, זי לאזט זיך קוקן גלייך

אין פנים אריין" (דאס גאנצע זייטל 25)

וואס איז שוין הפקר פעטרעשקע?

איך וויל שוין ניט דערמאנען די „מיניאטור" ווייט מוחל, „אימפעריאליזם" וואס איז א פערל ממש. א מעשה מיט א פוילישן סאלדאט וואס איז פארנארט געווארן אין פרעמדן לעגיאן, פארט מיט לייכטערן אויף איין שיף, דערציילט אים, אז ער איז אנגעשטעקט מיט א געפערלעכער ווענערישער קראנקהייט, דערציילט אים (לייכטערן) אויך זיין ביאגראפיע: א פרוי, א געוויסע פריצישע טאכטער אין פוילן האט געמאסערט זיין פאמיליע צו דער רעגירונג און מ'האט זיין פאמיליע דערשאסן, און אך ווי ער וואלט וועלן זיך מיט איר אפ-רעכענען, נאר גיי ווייס וואס דער שיקזאל אינ-איינעם מיט לייכטערן קאנען אפטאן? דארף אין אלעקסאנדריע ארויף אויפן שיף א פרוי און דאס איז ניט קיין אנדערע, ווי די וועמען דער לעג-יאנער זוכט. (דא, הער לייכטער, האט איר פארגעסן שרייבן אזוי: ראבע! ראבע!). בקיצור דער לעגיאנער מיט לייכטערן האבן באשלאסן, אז דאס איינציקע געווער, וואס דער לעגיאנער האט, איז אנצושטעקן זי מיט דער ווענערישער קראנקהייט און דערמיט זיך שטילן דעם ברען וואס טוט טאן ברענען אין זיין הארצן, א. א. וו.

ארעמער שאמער! זאלסט כאטש וויסן, ווי דיינע תלמידים פארפאטשקען דיין נאמען!

א. ב.

### נתנאל בעליצקי – אין וועג.

ארויסגעגעבן דורך דער יידישער בילדונגס-געזעלשאפט אין ליטע. קאוונע. 1932. אלבאם-פארמאט.

„אין וועג" איז א זאמלונג פון לידער, וואס דער יונגער דיכטער נתנאל בעליצקי האט מערסטנס געשריבן אין פאלעסטינע, און ניט קוקנדיק אויף דעם וואס ער געפינט זיך א לענגערע צייט אין לאנד פילט ער זיך נאך אלץ ווי א גייער אין וועג, וואס זוכט אוןווארט אויף א טאג א ליכטיקן און ווייס, אז ער וועט זיך ניט דערווארטן (ז. 7). דעריבער איז אויך זיין טראט ניט זיכער, ווארים צו וואס גיין מיט פעסטע טריט אקעגן פארוואלקנטקייט און גרויקייט? צו וואס בכלל זיכערע טריט, ווען מ'ווייס, אז פאר זיך איז ניטא קיין מארגן און אז דער נעכטן איז שוין פארברענט? — ס'איז דאס ליד ניט נאר פון דעם יונגן נתנאל בעליצקין אליין. ס'איז די פראגע פון דער ד א ז י ק ע ר יידישער יונגער גענעראציע, וואס האט ניט קיין פעסטן א י ד ע א י ש ן באדן אונטער זיך. און אויב דער דיכטער איז „א הפקר-יונג אויף הפקר-וועגן" (ז. 9). איז עס דערפאר, וואס ער וויל זיך אליין פארשרייען און א י ב ע ר-ש ר י י ע ן. אט דער טאן פילט זיך אין די אין-פאלעסטינע-געשריבענע לידער.

שורות פ'ון ש ט א ר ק ן טאן, געפרעסטן אינהאלט און אויסגעהאלטענעם ריטם געפינען מיר אין די לידער, וואס זינגען וועגן שטעטל אין ליטע. דא איז ער ווי ביי זיך א י ן ד ע ר ה י י ם, אויסהיטנדיק זיך גלייכצייטיק פון אנגענומענעם שאבלאן.

בסך הכל: א גוטער אנהייב פון א ליריש-אינדיווידועלן דיכטער.

מ. ק.



שבת דעם 2-טען יאנואר איז אין חיפה פארגעקומען א יידישער ליטעראַרישער אוונט אין וועלכן ס'האבן זיך באטייליקט אויסער די חיפהער אויך די חברים אברהם בליי און יעקב שטאל פון תל-אביב. דער אוונט איז געווען זייער א געלונגענער א דאנק דער גוטער איינארדנונג פון די חיפהער חברים. עס זענען געווען ארום 60 מענשן. דער אוונט איז געווען אין א פריוואטער שטוב, ווייל אין אן עפענטלעכן זאל וואלט א יידישער אוונט נישט דערלאזט געווארן.

### א נייע אויסגאבע פון יידישן ליטעראטן קלוב

דער יידישער ליטעראטן און זשורנאליסטן קלוב אין ארץ-ישראל גרייט איצט צו א נייע אויסגאבע און וועט אינגיכן דערשיינען. אין דעם נומער באטייליקן זיך די חברים פון קלוב מיט בעלעטריסטישע און פובליציסטישע ארבעטן.

### אן אפערא פון א פאלעסטינער מוזיקער

אין אויסלאנד ווערט איצט געדרוקט אן אפערא פון משה ביק, א באקאנטער פאלעסטינער מוזיקער. דער קאמפאזיטאר האט באארבעט אין 2 אקטן „צו אפרעמדן חופה קלייד" פון י. ל. פרץ. עס וועט אינגיכן דערשיינען.

### יידישע פיעסן אויף דער העברעאישער בינע

אויף דער היגער העברעאישער בינע ווערן געשטעלט דריי פיעסן איבערגעזעצט פון יידיש: די „קייטן" פון ה. לייוויק, „דער נסיון" פון ש. פראגער און „הבית" פון י. ז. אנוכי. די 4-טע פיעסע וואס איז שוין אנאנסירט איז אויך פון יידיש: „שאפ" פון לייוויק. אינטערעסאנט, אז אויף די פלאקאטן און אין די מודעות ווערט א ווארט ניט דערמאנט פון וואס פארא שפראך די פיעסן זענען איבערגעזעצט געווארן.

### פארגרעסערט די משפחה

די רעדאקציע באצייכנט מיט פרייד דאס צוקומען צו דער משפחה „אין צוים" פון צוויי יונגע דיכטער: אברהם יעל און צבי כייקעס. איבערהויפט איז צו באגריסן דעם פריינט יעל, וועלכער שעפט פון היגן ארבעטער לעבן און גיט אונדז איבער אשטיק לעבנסשטייגער פון דעם ווינקל וואס איז ווייניק פארטראטן אין דער היגער ליטעראטור.

### באגריסונגען.

— די גרופע „אין צוים" באגריסט דעם שעפערישן שרייבער און דראמאטורג ד ו ד פינסקי צו זיין 60-טן געבוירן טאג און 40-יאריקן שאפן.

— אונזער הארציקע באגריסונג שיקן מיר איבער מעבר לים פרץ הירשביינען צו זיין 50 יאריקן יובליי, דער יובילאר איז נאך איצט אין זיין פולן שאפן און אינגיכן דערשיינט זיינס א נייע פיעסע „פיאנערן" פון לעבן פון די יידישע איבערוואנדערער אין ראטנפארבאנד. מיר ווינטשן די יובילארן אריכת ימים אז זיי זאלן נאך מער באווייכען מיט זייערע שאפונגען די יידישע ליטעראטור און קולטור.

— די יידיש-ליטעראַרישע גרופע „אין צוים" שיקט איבער איר באגריסונג די „ליטעראַרישע בלעטער" צו זייער פ י ר ה ו נ ד ע ר ט ס ט ן נ ו מ ע ר. מיר דא, געפינענדיק זיך אין צוים וויסן ווי אפצושאצן דעם ארגאן וואס פארבינדט אונדז מיטן יידיש-ליטעראַרישן שאפן אין דער גארער וועלט. זייט געשטארקט יידיש-בוייער אומעטום!

### א ניי יידיש העפט

אין חיפה איז לעצטנס דערשינען א יידיש העפט פאר ליטעראטור און קריטיק מיטן נאמען „חיפה". ארויסגעגעבן דורך די חיפהער חברים פון יידישן ליטעראטן און זשורנאליסטן קלוב אין א"י.

אונדזער נייער אדרעס איז:

Farlag "In Zoim" P.O.B...., Tel Aviv

פאראנטווארטלעכער (האחראי) א. צפורי

פ ר י י ז:

אין לאנד: 15 מיל

אין אויסלאנד: 20 סענט

אדרעס פון רעדאקציע:

Farlag «In Zoim» Tel-aviv, Palestine P. O. B..........

דפוס «ציון» ירושלים